בחצרות סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר
בעזהשי"ת
יום ד' פ' חקת | כ"ז סיון | תשע"א | פסחים: ע.

# באריכט:

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור ב'. פאר'ן דאווענען איז אין ביהמ"ד הגדול פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' וואלף בער וויזענפעלד הי"ו פון קרית יואל. נאכ'ן דאווענען האט דער רבי שליט"א געזאגט א שיעור בספר תהלים פאר די בחורים.

אין די פארמיטאג שטונדן איז פאהרגעקומען א פארהער ביי מרן רבינו שליט"א ווי דער רבי שליט"א האט פארהערט די בחורי חמד תלמידי ישיבה קטנה ויואל משה ד'סאטמאר בארא פארק אויף מס' גיטין. אויך איז ביי דעם פארהער אנוועזנד געווען הגאון דומ"ץ קרית יואל שליט"א.

## ההרים והגבעות יפצחו לפניכם רנה

אין די טעג גרייטן זיך טויזענטער אידן ארויסצופאהרן צו ווילן די קומענדיגע זומער וואכן אויף די קעטסקיל בערג, אנשי שלומינו וועלן ווי יעדעס יאהר אויסנוצן די טעג לתורה ולפילה, און ווי יאהר יערליך זיך קובע מקום זיין אין ביהמ"ד המפואר היכל יחיאל מיכל אין קרית ויואל משה אין מאנטיסעלאו, און אין ביהמ"ד המפואר אין קרית ברך משה אין וואדבאורן.

אזוי אויך גרייטן זיך די מחנות הקיץ פון די אינגלעך, מיידלעך, און בחורים אויפצונעמען די טויזענטער תלמידים ותלמידות אויפן זוממער ווי זיי וועלן אי"ה קונה זיין טויזענטער שעות תורה תפילה ועבודת ה' אויף די ריינע לופט.

*-כי בשמחה תצאו-*

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.